באשאפן געווארן "בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית" - אז זי זאל אויך גיין "מחיל אל חיל", דורך דערויף וואס יעדערער טוט אויף אין חלקו בעולם, וואס דורך דערויף ווערט דאס אויפגעטאן אין כללות העולם כולו, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין ספרו תניא קדישא[84].

ביז אז מ'וועט גיין "מחיל אל חיל" לקבל פני משיח צדקנו, וללמוד תורתו - תורתו של משיח, בקרוב ממש, ובעגלא דידן.

* * *

כד. דובר בארוכה אודות המצב באה"ק.

* * *

כה. צוה לנגן ואכר מאמר ד"ה ויאמר לו יהונתן מחר חודש.

* * *

כו. ס'איז דאך אויך רגיל אז אין א ההוועדות וואס איז פארבונדן מיט שבת (ועד"ז במוצאי שבת) איז מען מבאר א פסוק מיט פרש"י פון פרשת השבוע וואס מ'האט געלייענט בשבת זו.

ובפרשתנו איז דא א פרש"י וואס כמה מפרשים שטעלן זיך אויף אים, אבער זייער ביאור איז ניט אויסגעהאלטן לויט דעם כלל פון רש"י[85] אז "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא", אין אן אופן אז א "בן חמש למקרא" זאל דאס אויך קענען פארשטיין, ניט וויסנדיק דאס וואס ס'שטייט אין משנה און גמרא (וואס ער האט נאך ניט געלערנט), און די שקו"ט און פלפולים וואס מפרשי רש"י ברענגען אראפ.

כז. אין פרשתנו (קאפיטל א' פסוק נג) שטייט: "והלוים יחנו סביב למשכן העדות ולא יהי' קצף על עדת בני ישראל גו'".

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "ולא יהי' קצף", און טייטשט דאס אפ מיט א גאנצע אריכות: "אם תעשו כמצותי לא יהי' קצף ואם לאו, שיכנסו זרים בעבודתם זו, יהי' קצף כמו שמצינו במעשה קרח[86] כי יצא הקצף וגו'".

איז ניט פארשטאנדיק:

א) מ'האט שוין געזעדט כמ"פ אז פונקט אזוי ווי אין פרש"י פעלט ניט קיין זאך וואס איז דורש ביאור אין פשש"מ, אזוי איז אין פרש"י ניטא קיין איבעריקע ענינים, אן עניך וואס איז ניט פארבונדן מיט באר זיין פשוטו של מקרא.

- ווארום -

----

84) פל"ז. 85) עה"פ בראשית ג, ה. 86) קרח יז, יא.

ווארום מה-דאך אז אפי' גדולי ישראל וואס זיינען געווען קלענער פון רש"י (אויב מ'מעסט זיי) זיינען געווען נזהר אין "שפת יתר", איז עאכו"כ בנוגע צו רש"י בפירושו על ההודה, וואס דאס איז געווארן א פירוש וואס מ'לערנט אים בכל הדורות כולם,

ווי מ'זעט בפשטות אז ס'איז ניטא קיין פירוש המקרא וואס איז נתפשט געווארן און אנגענומען געווארן בא כל בני ישראל אזוי ווי פירוש רש"י,

ביז ווי ס'איז אפגע'פסק'נט אין שו"ע* בנוגע צו דעם ענין פון "שנים מקרא ואחד תרגום", אז אנשטאט "תרגום" קען מען יוצא זיין מיט פירוש רש"י -

איז א זיכערע זאך אז אין פירוש רש"י זיינען ניטא קיין איבעריקע ענינים.

איז ניט פארשטאנדיק: צוליב וואס דארף מען האבן די גאנצע אריכות אין פרש"י - דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט כמ"פ דעם כלל פון "מכלל לאו אתה שומע הן וכו'"*, איז דאך מעצמו מובן אז אויב מ'וועט מקיים זיין דעם ציווי, איז "לא יהי' קצף", און אויב מ'וועט ניט מקיים זיין דעם ציווי, וועט זיין פארקערט - איז צוליב וואס דארף מען האבן די גאנצע אריכות אין פירוש רש"י?

ב) רש"י זאגט "ואם לאו שיכנסו זרים בעבודתם זו", איז ניט פארשטאנדיק: לכאו' איז גענוג ווען מ'זאגט "ואם לאו" סתם, צוליב וואס דארף רש"י מוסיף זיין "שיכנסו זרים בעבודתם זו"?

ג) צוליב וואס דארף רש"י זאגן "כמו שמצינו במעשה קרח כו'" - מ'געפינט ניט אין פרש"י אז ער זאל ברענגען א ראי' אויף אן ענין וואס דער אויבערשטער איז מבטיח, אז ס'איז טאקע מקוים געווארן, ווארום דער בן חמש למקרא דארף ניט האבן קיין ראיות אויף דערויף, ביי אים איז א זיכערע זאך אז וויבאלד דער אויבערשטער האט געזאגט אז עס וועט זיין אזוי, וועט דאס טאקע זיין - איז צוליב וואס ברענגט רש"י די ראי' "כמו שמצינו במעשה קרח"?

עס זיינען דא מפרשים* וואס ווילן זאגן אז רש"י ברענגט "מעשה קרח" אלס א ראי' אז דאס וואס שטייט פריער* "והזר הקרב יומת", מיינט דאס "בידי שמים" - און מ'לערנט דאס אפ מיט א ק"ו פון עבודת הכהנים וואס איז א קדושה

- נעלית -

----

87) או"ח סרפ"ה ס"ב. שו"ע אדה"ז שם. 88) פרש"י עה"פ תשא ל, כ. וראה שפ"ח פרשתנו שם. 89) משכיל לדוד, רא"ם וגו"א פרשתנו שם, נא-נג. ועוד. 90) פרשתנו שם, נא.

הנחה הת' בלתי מוגה

נעליה יוהר, אדער פון דעם פסוק "ולא יהי' בבני ישראל נגף גו'" אין פרשה בהעלותך*.

דער בן חמש למקרא האט נאך אבער ניט געלערנט די אלע ענינים - דארף מען אים מבאר זיין ע"פ פשוטו של מקרא.

וכמדובר כמ"פ אז פרש"י איז טאקע אויסגעהאלטן אויך ע"פ דרך ההלכה, ביז ווי עס שטייט אין של"ה* אז אין פרש"י זיינען דא ענינים פון "נפלאות" אויך אין דרך הדרוש והרמז והסוד - אבער לכל לראש דארף דאס זיין אויסגעהאלטן לויט דרך הלימוד פון פשוטו של מקרא.

וכפי שיתבאר לקמן.

כח. אין די הערות פון טאטן* אויפן זהר פון פ' במדבר*, איז דא מערניט ווי איין שורה, וואס דארטן צייכנט ער צו רעם וואס ער האט מבאר געווען אין פ' קדושים*, בנוגע צו דעם סדר פון טלית ותפילין, מי קדם למי, ווי גערעדט וועגן דעם כמ"פ בארוכה.

מ'וויל דאך דאס אבער פארבינדן מיט א דבר חדש און א ביאור חדש -

איז אין די הערות אויף פ' נשא* [וואס בשבת צו מנחה האט מען דאך אנגעהויבן ליינען פ' נשא] שטעלט ער זיך אויף א פסוק אין סוף פרשת במדבר* "אהרן ובניו יבואו ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו",

און ער איז מבאר אז "הלוים הם בחי' גבורות", און "אהרן ובניו (ש)הם בחי' חסדים" (ווי ער איז מבאר דארטן אז "כהן (ש)הוא מדת החסד . . ולכן מברכין לברך את עמו ישראל באהבה, באהבה דוקא שהוא בחי' חסד"), און דאס איז וואס "אהרן ובניו יבואו ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו", אז "אהרן ובניו שהם בחי' חסדים ישימו אותם שיתקנו אותם, הוא מה שימתקו את הגבורות דהלוים".

וואס נוסף אויף דעם ביאור אין דעם וואס א כהן איש החסד מאכט איבער א צווייטן וואס עניני איז דער ענין פון גבורה, און די הוראה דערפון בנוגע לעבודת כאו"א (וואס דאס איז דאך דער תכלית הלימוד, אז ס'זאל זיין "מביא לידי מעשה") - איז אין דערויף אויך דא די שייכות מיט דעם וואס ער ברענגט אין דער הערה אויפן זהר פון פ' במדבר, בנוגע צו דעם ענין פון טלית ותפילין.

- וכפי -

----

91) ח, יט. 92) במס' שבועות שלו קפא, א. 93) לקוטי לוי"צ לזח"ג ע' שנג. 94) ח"ג קכ, ב. 95) ע' שיד. 96) שם ע' שעב. 97) ד, יט.

הנחה הה' בלתי מוגה

לט. דער ביאור אין פרש"י:

ווען דער בן חמש למקרא לערנט דעם פסוק "ולא יהי' קצף גו'", ווערט ביי אים א קושיא גדולה:

פריער איז דאך שוין געשטאנען "והזר הקרב יומת", איז וואס קומט צו אין דעם ענין פון "ולא יהי' קצף" - דאס דארף דאך עפעס מוסיף זיין אויף "והזר הקרב יומת"?

לכאו' וואלט מען געקענט מבאר זיין בפשטות: וויבאלד אז אין פסוק שטייט "והלוים יחנו סביב למשכן העדות ולא יהי' קצף גו'", איז דער פירוש בזה אז אויב ס'וועט זיין "הלוים יחנו סביב למשכן העדות", איז "לא יהי' קצף", און אויב ס'וועט ניט זיין "והלוים יחנו סביב למשכן העדות", וועט זיין א קצף.

וואס דעמולט איז פארשטאנדיק די הוספה פון "ולא יהי' קצף" אויף דעם וואס ס'שטייט פריער "והזר הקרב יומת":

דער ציווי פון "והלוים יחנו סביב לםשכן העדות" איז דאך געווען כדי צו באווארענען דעם "הזר הקרב יומת" -

איז בשעה די לויים זיינען ניט ממלא דעם תפקיד פון "יחנו סביב למשכן העדות" - איז אויב דערפון איז ארויסגעקומען דער ענין פון "הזר הקרב", קומט אויף דערויף דער עונש הכי חמור ("הזר הקרב יומת");

אבער אויב ס'האט נאר געפעלט דער קיום הציווי פון "הלוים יחנו סביב למשכן העדות", און בפועל איז ניט געווען דער "הזר הקרב" (ווארום ס'איז דאך ניט קיין הכרח אז ווען עס פעלט דער "הלוים יחנו סביב למשכן העדות" מוז זיין דער "הזר הקרב") - איז נאר דא דער ענין פון קצף.

ד.ה. אז עס קומט טאקע אן עונש אויף דעם וואס מ'האט ניט מקיים געווען דעם ציווי פון "הלוים יחנו סביב למשכן העדות", אבער ניט קיין עונש הכי חמור (דער ענין פון "יומת"), נאר מערניט ווי אן ענין של "קצף":

אנשטאט דעם וואס בא די לויים איז דא די מעלה פון "נתונים המה לי"[160], וועט זיין א תנועה פון "קצף"; ניט קיין תנועה פון חן וחסד ורחמים, נאר א תנועה פון "קצף".

מ. רש"י לערנט אבער ניט אזוי[161] - רש"י טייטשט אפ "אם תעשו כמצותי לא יהי' קצף, ואם לאו, שיכנסו זרים בעבודתם זו, יהי' קצף":

- דאס -

----

160) בהעלותך שם, טז. 161) ראה שפ"ח עה"פ.

דאס וואס ס'שטייט אין פסוק "ולא יהי' קצף", גייט ניט נאר אויף דעם וואס שטייט אין תחלת הפסוק "והלוים יחנו סבי. למשכן העדות", וואס דעמולט דארף מען זאגן אז דער "מכלל הן אתה שומע לאו" מיינט, אז אויב עס וועט נאר פעלן דער ענין פון "הלוים יחנו סביב למשכן העדות" (אפי' אז ס'וועט ניט זיין "הזר הקרב" בפועל), וועט שוין זיין א "קצף" -

נאר דאס גייט אויך אויף די פרטים וועלכע שטייען אין די פריערדיקע פסוקים[162] - "הפקד את הלוים על משכן העדות . המה ישאו את המשכן . . ובנסוע המשכן יורידו אותו הלוים ובחנות המשכן יקימו אותו",

און אויף דערויף זאגט מען: "אם תעשו כמצותי", אז די לויים וועלן טאן זייער עבודה בכל הפרטים, איז "לא יהי' קצף", אבער "ואם לאו, שיכנסו זרים בעבודתם זו", עס וועט זיין דער "הזר הקרב" צו עבודת הלויים, איז "יהי' קצף".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויב עס פעלט נאר דער פרט פון "הלוים יחנו סביב למשכן העדות", עס איז אבער ניט געווען דער "הזר הקרב" בפועל - איז דעמולט ניטא קיין ענין של "קצף", און דער ענין פון "קצף" איז נאר אויב "יכנסו זרים בעבודתם זו".

מא. וויבאלד אז רש"י לערנט באופן אחר ווי מ'וואלט געקענ לערנען בפשטות, דארף רש"י ברענגען א ראי' לפירושו - און אויף דערויף זאגט ער: "כמו שמצינו במעשה קרח כי יצא הקצף וגו'".

והביאור בזה:

צום אלעם ערשטן האט קרח מקהיל געווען כל העדה, און גע'טענה'ט צו משה ואהרן "מדוע תתנשאו על קהל ה'"[163].

וואס דורך דערויף וואס ער האט מקהיל געווען את כל העדה, כולל אויך שבט לוי, האט ער מבטל געווען דעם ענין פון "הלוים יחנו סביב למשכן העדות" אז ס'זאל ניט קענען זיין "הזר הקרב", ער האט מבטל געווען די שמירה פון די לויים אז א "זר" זאל ניט אריינגיין, וואָרום ער האט זיי מקהיל געווען און אנגערעדט אז כל העדה כולם קדושים.

דעמולט איז נאך אבער ניט געווען קיין ענין פון "הזר הקרב" בפועל - דער ענין פון "הזר הקרב" איז געווען ערשט אויף מארגן, "בוקר ויודע ה'"[164], וואס דעמולט איז געווען דער ענין פון הקטרת הקטורת - "ותנו בהן אש ושימו עליהן קטורת לפני ה' מחר"[165].

- און -

---

162) פרשתנו שם, נ-נא. 163) קרח טז, ג. 164) שם, ה. 165) שם. ז.

און דא זעט מען אז דער ענין פון "כי יצא הקצף גו׳" איז געווען ערשט נאך דערויף וואס מ׳האט מקטיר געווען די קטורת*, ד.ה. נאך דערויף וואס ס׳איז געווען בפועל דער ענין פון "הזר הקרב", משא"כ לפנ"ז, ווען מ׳האט נאר מבטל געווען דעם ענין פון "הלוים יחנו סביב למשכן העדות" (עס איז אבער נאך ניט געווען דער "הזר הקרב" בפועל), וואס דעמולט איז ניט געווען קיין "קצף".

מב. עפ"ז דארף מען אבער פארשטיין: וואס איז די הוספה פון "ולא יהי׳ קצף" אויף דעם וואס ס׳שטייט שוין פריער "והזר הקרב יומת"?

איז דער ביאור בזה אויך פארשטאנדיק פון "מעשה קרח":

דער עונש וואס איז געווען בא "מעשה קרח", איז ניט געווען נאר אויף די "חמשים ומאתים איש מקריבי הקטורה"[166], וואס בא זיי איז געווען דער עונש פון "הזר הקרב יומת", נאר ס׳איז אויך געווען דער ענין פון "ותפתח הארץ את פי׳ ותבלע אותם גו׳"[167], און "כל ישראל אשר סביבותיהם נסו לקולם גו׳"[168], ד.ה. אז ס׳איז אויך געווען אן ענין נוסף פון "קצף".

מג. עפ"ז ווערט פארענטפערט נאך אן ענין:

מפרשים[169] שטעלן זיך אויף דעם וואס רש"י טייטשט אפ אויף "והזר הקרב יומת", אז דאס מיינט "בידי שמים", אז לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק: פון וואנעט איז די ראי׳ אז דאס מיינט "בידי שמים"?

ואדרבה : לויט פשש"כ איז דער פירוש פון "יומת" - בידי אדם; ווען ס׳וואלט געשטאנען "יומת", מיינט דאס בפשטות בידי שמים, אבער אז ס׳שטייט "ימות", מיינט דאס בידי אדם.

ובפרט אז דער בן חמש למקרא געדיינקט ראס וואס ער האט געלערנט אין פ׳ משפטים [ניט אלע וואס געפינען זיך דא געדיינקען דאס, ובמילא איז בא זיי ניטא קיין קושיא], וואס דארטן[170] שטייט "וגם בעליו יומת", און רש"י טייטשט אפ "בידי שמים", און דערנאך איז ער גלייך ממשיך "יכול בידי אדם ת"ל כו׳" -

- וואס -

---

*) אף שהקצף "דמעשה קורח" הי׳ למחרהו דהקטרת הקטורת (קורח יז, ו-יא) הרי מפרש רש"י שהי׳ על כניסת הזרים (ולא על תלונת העדה דלמחרתו - ויסודו מובן דכו"כ תלונות היו לפני זה ולא יצא קצף) ותלונת העדה הייתה רק בירור שגם עליהם חל הקצף (ועל הזרים שנכנסו - הי׳ יותר מקצף כ"א שריפה).

---

166) שם, לה. 167) שם, לב. 168) שם, לד. 169) ראה משכיל לדוד כאן. 170) כא, כט.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בפשטות איז דער פירוש פון "יומת" בידי אדם, און מ'דארף אנקומען צו א ראי' מיוחדה אז דאס מיינט בידי שמים.

וואס די מפרשים שטעלן זיך טאקע אויף דערויף, און זיינען מבאר די ראי' פון רש"י אז דאס מיינט "בידי שמים" - א ראי' פון א גז"ש מיט א ק"ו וכו', וואס די אלע ענינים האט דער בן חמש למקרא נאך ניט געלערנט, האט דאך רש"י געדארפט מבאר זיין וואס איז די ראי' אז "יומת" מיינט "בידי שמים"?

מד. איז דער ביאור בזה:

מ'האט גערעדט כמ"פ אין כללי רש"י, אז ס'איז דא אמאל וואס דורך דעם ביאור אין המשך הענין ווערט באווארענט א שאלה אין א פריערדיקן פירוש רש"י, וויבאלד אז דאס קומט אין דעם זעלבן המשך, און ווען דער מלמד לערנט מיטן קינד, לערנט ער ניט מיט אים קיין חצי דבר, נאר ער לערנט גלייך דעם גאנצן המשך.

ער לערנט טאקע ניט איין פרשה צוזאמען מיט די פרשה שלאחרי', וואס דערפאר זאגט מען אז רש"י פארלאזט זיך ניט אויף דעם וואס ער טייטשט אפ לאח"ז, ווארום דערווייל האט דאס דער בן חמש נאך ניט געלערנט,

[ובמכש"כ וק"ו: מה-דאך אז דער רמב"ם אין ספרו "יד החזקה" (א ספר וואס איז געמאכט געווארן פאר לומדים וועלכע דארפן פסק'נען הלכות) פארלאזט זיך ניט אויף דעם וואס ער שרייבט שפעטער (כידוע דער כלל אין כללי הרמב"ם[171]), איז עאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן פרש"י וואס איז געשריבן געווארן פאר א בן חמש למקרא],

דאס איז אבער נאר ווען דער ענין שלאח"ז שטייט ניט אין דעם זעלבן המשך, אבער בשעת אז דאס שטייט אין דעם זעלבן המשך נאר א ביסל שפעטער, זאגט רש"י צום קינד, אז ער וועט לערנען דעם זעלבן המשך הענין, וועט פארענטפערט ווערן זיין קושיא.

ועד"ז בנדו"ד: וויבאלד אז אויפן פסוק "ולא יהי' קצף" (וואס קומט גלייך אין דעם זעלבן המשך הענין פון "הזר הקרב יומת") ברענגט אראפ רש"י "כמו שמצינו במעשה קרח", איז דערפון פארשטאנדיק אויך די ראי' אז "יומת" מיינט "בידי שמים", ווארום דער עונש פון "הזר הקרב יומת" וואס איז

- געווען -

----

171) יד מלאכי כללי הרמב"ם כלל ו'.

געווען "במעשה קרח" איז געווען "בידי שמים" (סיי בנוגע צו די שרופים, און סיי בנוגע צו די בלועים).

מה. דערפון זעט מען נאך אן ענין:

אע"פ אז קרח האט מקהיל געווען את כל העדה אנטקעגן "משה אמת ותורתו אמת"[172], און ער איז געווען א "מגלה פנים בתורה שלא כהלכה"[173], מיט אלע ענינים וואס זיינען געווען דערמיט פארבונדן (וואס א טייל פון זיי ברענגט רש"י בפירושו);

ער האט זיך געפירט אין אן אופן פון "מחזיקין במחלוקת"[174], און ניט נאר אז ביי אים אליין איז געווען דער היפך פון "זכה", נאר ס'איז אויך געווען דער היפך פון "זיכה את הרבים"[175], ביז וואנעט אז ער האט מקהיל געווען גאנץ שבט לוי (ווי עס שטייט[176] "רב לכם בני לוי"), "לגיונו של מלך", אויף צו פירן א מחלוקת מיט "משה אמת והורתו אמת" - קומט דאך לכאו' א געוואלדיקער עונש אויף דערויף,

זאגט אבער רש"י אז דעמולט איז נאך ניט געווען קיין עונש, און ניט נאר אז ס'איז ניט געווען קיין עונש פון מיתה, נאר אפי' אן עונש פון "קצף" איז אויך ניט געווען; דער "קצף" איז געקומען ערשט נאך דערויף וואס ס'איז געווען אן ענין של מעשה בפועל, אבער כל זמן אז ס'איז נאך ניט געווען קיין מעשה בפועל, איז ניט געווען אפי' אן ענין של "קצף".

ד.ה. אז נאך די גאנצע מחלוקת האט מען זיי מזהיר געווען מיט אן אזהרה חמורה, ווי רש"י[177] ברענגט אראפ בארוכה, און ערשט נאך דערויף וואס זיי האבן ניט חרטה געהאט, אין גענומען אויף זיך ברענגען די קטורה (ווי רש"י[178] זאגט אז "לא טפשים היו", און "קרח שפקה הי'", און אעפ"כ איז "קבלו עליהם"), און ס'איז געווען דער מעשה בפועל - ערשט דעמולט בייט איבער דער אויבערשטער פון אן ענין של "חן" צו אן ענין של "קצף".

מו. דערפון האט מען דעם לימוד והוראה און נהינת כח בעבודת כאו"א:

- אפי' -

----

172) תנחומא קרח יא. וראה ב"ב עד, א. 173) ראה ירושלמי סנהדרין פ"י (לה, א. לו, א). 174) ראה סנהדרין קי, א. הובא בפרש"י עה"פ קרח שם, יב. וראה גם פרש"י עה"פ שם. א. ועוד. 175) ראה אבות פ"ה מי"ח. 176) קרח שם, ז. 177) עה"פ שם, ו. 178) עה"פ שם, ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

אפי׳ אויב מצד סיבות שונות ומשונות האט ביי א אידן געפעלט אין דעם ענין פון "יחנו סביב למשכן העדות", ביי אים האט געפעלט די שמירה פון ענינים בלתי רצויים,

[ועפ"ד ווי עס שטייט אין פרקי אבות[179] "הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע", ווי דער רמב"ם אין הל׳ דעות[180] איז מאריך בזה, ועד"ז טאר מען ניט דורכגיין אין באשטימטע שכונות[181]],

איז כל זמן אז עס קומט ניט אראפ אין א מעשה בפועל, שטייט נאך אלץ א איד אין א מעמד ומצב אז ער האט א נשיאת חן (ניט נאר בעיני אדם, נאר אויך) "בעיני אלקים", וואס דאס איז מדת הדין[182], און אפי׳ דארטן האט ער אויך דעם ענין פון נשיאת חן, און דעמולט איז נאך ניטא קיין ענין של "קצף".

ואדרבה: "הקב"ה עוזרו"[183] און איז מאריך אפו און האפט נאך אלץ (וואס תקותו של הקב"ה גופא איז א נתינת כח) אז ער וועט תשובה טאן,

ביז ווי די גמרא[184] טייטשט אפ אויף "אם בחוקותי תלכו גו׳", "אין אם אלא לשון תחנונים" - אז דער אויבערשטער איז זיך מהחנן ביי א אידן אז ער זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות,

ועאכו"כ אז דער אויבערשטער איז זיך מתחנן ביי א פאר-בלאנדזשעטע שאף אז די זאל תשובה טאן - בדוגמא ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש[185] אז משה רבינו איז נאכגעלאפן דוקא נאך די שאף וואס איז געווען תועה במדבר.

וואס דאס איז די הוראה בנוגע לכל אחד ואחת מישראל - אז ס׳איז א זיכערע זאך אז "בל ידח ממנו נדח"[186] (ווי דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ אין הל׳ ת"ת[187] אלס א פס"ד, און איז דאס מבאר בארוכה אין ספר התניא[188]), דאס קען דאך אבער זיין לאחר זמן, "בגלגול זה או בגלגול אחר", און דערווייל ווייסט ער ניט אין וועלכן מעמד ומצב ער געפינט זיך -

זאגט רש"י בפשטות (אפי׳ צו א בן חמש למקרא) אז כל זמן ס׳איז ניטא קיין ענין פון מעשה בפועל, איז אפי׳ אז עס האלט אין א מעמד ומצב ווי ס׳איז געווען בא "מעשה קרח"

- (איידער -

----

179) פ"א מ"ז. 180) רפ"ו. 181) ראה ע"ז יא, ב. יז, סע"א ואילך. טושו"ע יו"ד ר"ס קמט. אה"ע ר"ס כא. 182) ראה גם פרש"י ר"פ בראשית. 183) קידושין ל, ב. סוכה נב, ריש ע"ב. 184) ע"ז ה, סע"א. וראה סה"מ תש"ב ע׳ 114. 185) שמו"ר פ"ב, ב. 186) ע"פ ש"ב יד, יד. 187) פ"ד סוף ה"ג. 188) ספל"ט.

הנחה הת׳ בלתי מוגה

(איידער ס'איז אראפגעקומען אין מעשה בפועל), איז נאך אלץ ניטא קיין ענין של "קצף",

ובמילא איז "הקב"ה עוזרו" ער זאל תשובה טאן, אין אן אופן פון "חן" און אהבה, ווי ס'שטייט[189] "אהבתי אתכם אמר ה'",

און עס ווערט דער "מיד הן נגאלין"[190] פון יצרו הרע, און פון דעם גלות הכללי - בקרוב ממש, ובדרכי נועם ודרכי שלום.

מז. דער ביאור אין די הערות אויפן זהר:

דער ביאור אין דעם פסוק "ושמו אותם איש איש על עבודתו ואל משאו", אז אהרן ובניו וואס ענינם איז דער ענין החסד, "ישימו אותם שיתקנו אותם, הוא מה שימתקו את הגבורות דהלוים", איז פארבונדן מיט כללות הענין און דער סדר פון טלית ותפילין. והביאור בזה:

ס'איז ידוע דער בריוו פון דעם רבי'ן נ"ע (וואס איז שוין געדרוקט[191]) וואס ער איז מבאר דעם טעם אויף דעם וואס דער ענין התפלה איז ווען ער איז מעוטר אין טלית ותפילין, וכמבואר בארוכה אין סידור האריז"ל[192] דער סדר בזה.

און אין דער הערה אויף פ' קדושים טוט ער אויף נאך אן ענין:

אין זהר[193] שטייט דער סדר "אנח תפילין ואתחפי בכסויי דמצוה", איז ער מבאר אין דער הערה אז "אין הכוונה על הנחה הטלית (כי באמת הנחה הטלית צ"ל קודם הנחת תפילין), אלא מה שמכסה את התפילין אחר שהניחם בהטלית", ווי ער ברענגט דאס אראפ פון משנה חסידים[194], וכמבואר בארוכה אין סידור האריז"ל.

ד.ה. אז דער סדר איז טאקע אז פריער דארף זיין דער ענין פון טליה, דער ענין פון מקיף, און דערנאך דער ענין פון תפילין, וואס ענינם פון הפילין (ובפרט די רצועות) איז ממשיך זיין בפנימיות;

אבער נאך דערויף וואס ער האט שוין געלייגט תפילין, דארף ער מכסה זיין די תפילין מיטן טלית (ווי ס'איז מבואר אין משנת חסידים און אין סידור האריז"ל אין פארשידענע לשונות).

- וואס -

----

189) מלאכי א, ב. 190) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה. 191) בקובץ מכתבים (א) מכתב א'. 192) במקומו. 193) ח"ג פא, א. 194) מס' הנחה תפילין פ"ג סוף מ"ט.